# אין יענעם טאָג איז אַ מענטש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד

*געווידמעט ש. האָ.*

קומט ער פֿון וועלטס אומגעריכטקייט,
ווּ דער מענטש האָט דעם ווינט ערשט דערהערט,
גלייַך ווי נישט אַלט איז די ערד
און דער בוים איז גאָטס קינד, ווי פֿאַרצייַטן ;
קומט ער פֿון וועלטס אומגעריכטקייט,
קומט ער פֿון שטילער געדיכטקייט,
קומט ער פֿון וועלדל פֿון ווייַטן.

קומט ער מיט קיינעם נישט שטרייַטן,
ער וויל דאָ זייַן גליק נישט פֿאַרבייַטן,
ער צערטלט און טוליִעט זייַן גליק,
וואָס שטאַמט נאָך פֿון וועלדל פֿון ווייַטן.

נאָר ער וועט נישט גיין שוין צוריק.
דאָ וויל ער דופֿטן און בלייַבן,
דאָ וויל ער זיס זייַן און שטייַגן.
אלא וואָס ? מען זעט נישט קיין צווייַגן ?
נישט פֿעלדער מיט גריקע פֿאַרזייטע ?
נאָר מענטשן, ווי שטריק אויסגעשפּרייטע,
הענגען זיך איינע די צווייטע ?

אלא וואָס ? מען זעט נישט קיין צווייַגן ?
האָט ער הענט, ווי געבעטן, וואָס שווייַגן,

און אויגן וואָס וואַקסן אין רוים
רייַכער אַ סך פֿון אַ בוים,

און אַ האַרץ, וואָס גלאַנצט אויף געוויין,
ווי אַ בלימל, וואָס דרימלט אויף ליים...

און אַזוי וויל ער בליִען און שווייַגן.

— —

און אויב וועלט האָט שטאָלענע קאַרבן,
קלעמט דעם צאָן אין איר אייגענעם שאַרבן, —
וועט ער די ערד מיט זייַן בלוט טיף באַפֿאַרבן,
די זיסקייט זאָל העכער אויפֿשטייַגן...
ניין, ער וויל רויִק נישט שטאַרבן.

לויפֿט ער אַרום אויף די וועגן
און האַלט אין איין פֿרעגן און פֿרעגן :
גאָט, אַווּ איז דייַן פֿאַרמעגן ?

אויב וועלדעלע קליינס איז דייַן היים,
אויב מענטשעלע ריינס זיצט אין ליים,

און װעלטעלע גרויס איז נישט שײן. —
הײַנט װוּ זשע איז גאָט דײַן פֿאַרמעגן
אויב װעלדעלע קלײנס איז דײַן הײם ?...

--------------------------------------------------------------------------------

(הײַנט יובילײ-בוך, 1908-1928, װאַרשע.) **1928**